Radomer- Kielcer Leben" 37 (377) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 8 זײַטן.

Radom, dnia 18 Września 1931 r.

ראַדאָם, פרײַטאָג, ז' תשרי תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פרײַז:

אײן מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זײַט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
" 4 אין טעקסט

KINO „CZARY" KINO

פון 25-טען ה. ח.
ווערט דעמאָנסטרירט ווערען דאָס בעריהמטע יודישע
פאָלקס-בילד

תקיעת כף

אין וועלכען עס שפּילען די בעריהמטע יודישע אַרטיסטען:
אסתר רחל קאַמינסקי, זיגמונד טורקאָוו
גאָדיק, אידאַ קאַמינסקי א. אנד.

Dr. Med. IGNACY LEWI
choroby wewnętrzne i dzieci
ordyn. 9 — 10 rano i 5 — 7 p. p.

OKULISTA
Dr. A. ŁUCZNO-LEWI
ordyn. 10 — 12 rano i 3 — 5 p. p.
**przeprowadzili się**
na ulicę MONIUSZKI (*Kościelna*) **12**
—— Tel. Nr. 2498. ——



**Stała kontrola chemiczna**

przeprowadzona we własnem nowocześnie urządzonem laboratorjum, zapewnia Wam, Szanowne Gospodynie, niezmienną jakość mydła marki „Kołłontay z pralką". Miljony dzielnych i oszczędnych gospodyń domu wiedzą o tem i dlatego cenią to mydło. Mydło „Kołłontay" jest silnie perfumowane - dlatego przyjemniejsze, zawiera glicerynę - dlatego łagodniejsze, jest zawsze nieopakowane - dlatego tańsze i korzystniejsze.

Mydło Kołłontay z pralką

62a

**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**
General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski
DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE
ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

טיף געריהרט פון דער ידיעה וועגן טויט פון

ר' שלמה אליעזר גאַרפינקעל

דריק איך אויס מײַן טיפסטען מיטגעפיהל מײַן מוטער,
ה' בעריל גאַרפינקעל און פאַמיליע ה' יואל וואַרשאַואר און פאַמיליע
און אַלע איבריגע משפחה-מיטגלידער.

זײַט געטרײַסט!

דאַנציג. הערשעל זאַמעטשקאָווסקי.

Wszelkie pomiary
oraz wykonania planów
przyjmuje geometra
**Z. Bankier**
ul. Piłsudskiego 3
w podwórzu.

**Absolwentka**
Berlińskiego Konserwatorjum
*M. Ratner - Bankier*
Udziela lekcji gry na fortepianie
**Radom, Piłsudskiego 3**
m. 10 w podwórzu.

מן המובחרים אתרוגים לולבים והדסים
צו פערקויפען
בײַ יעקב ווײַנגאַרט דלוגאַ 1

אַלע מײַנע גוטע פרײַנד ווי אויך אַלע מײַנע ג. קונדען ווינש איך
א גוט יאָהר און א גמר חתימה טובה
די פירמע פון „עלעקטרי" קאָלדרעס-אויסאַרבייטונגען, וואָס אָוועקגעט ווי אויך פּאָכאָווע. וואָל 17 אָדער פערעצאַ 3 (פּאַדוואַלניא).
פײַגע טאַנדעטניק.




נעם אינטערעס, ליעגט טאקע אבּיסעל רוהיג אָבּצוװאַרטען און דערמיט געבּען דעם עהרליכען שולדיגער צייט צו רעאַליזירען א טייל פון זיין פערמעגען, כדי ער זאָל האבּען די מעגליכקייט אלע קרעדיטאָרען מיט 100 פּראָצענט צו בּעפרידיגען — איז אנשטאט צו װעלען פערשטעהען די געשאָפענע לאַגע שרייען זיי היתּכן? אז מען הייסט אוגז װאַרטען — איז דאָך דאָס... װי רופט מען עס... באַנקראָט!

און דעריבּער מוז דאָ געזאָגט װערען א פּאָר ערנסטע װערטער: מיר פערשטעהען די אלע, װאָס ציטערען נעבּעך איבּער זייערע אויסגעהאָרעװעטע פּאָר גילדען, און מיר װילען דעריבּער נישט רעדען, װעגען קיין שום סענטימענטען... נור רבותי! מיט דענערװירונג און געשרייען — באַנקראָט — װעט איהר די לאַגע אבּסאָלוט נישט פערבּעסערען... נור אדרבא, אפשר נאָך פיעל פערערגערען... איהר אלע, װעלכע האָט מיט די גרעסטע זיכערהייט אָנגעטרויט דער, אָדער יענער פירמאַ אייער געלד — טאָרט אין דעם קריטישען מאָמענט אויף קיין פאַל דאָס זעלבּע פערטרויען נישט פערליערען און דערמיט געבּען דעם בּעל-חוב די מעגליכקייט אין א קורצע צייט איינציגװייז אָלעמען װידער די אָנגעטרויטע געלדער אויסצוצאָלען — און פּונקט אזוי ליגט די הייליגע פליכט אויף יענע פירמאַ, װאָס דער גורל האָט געװאָלט, אז די גאס זאָל זיך װעלען פּראָבּירען אין א העלען טאָג, און אלע קרעדיטאָרען זאָלען מאכען אויף איהר (אויף די פירמאַ) א „רון", מוז זי זיך בּעמיהען װאָס מעהר קלאָרקייט אריינצופיהרען אין די געשאָפענע לאַגע און אויפװייזען בּולט די קרעדיטאָרען, אז פון צאָהלונגס-שװעריגקייטען ביז באַנקראָט, איז אָ פיעל גרעסערער מהלך װי פון רייכן התן בּיז'ן אָרימען ישיבה-בּחור...

EFKA.

# הכנסה-שטייער.

## װי אזוי די קאָמיסיע-מיטגלידער קענען פערטיידיגען די שטייער-צאָהלער.

די קאָמיסיעס צו שאַצען דעם איינקונפט-שטייער װעלען בּקרוב אָנהויבּען זייער טעטיגקייט, די פאַרשטעהער פון די סוחרים אין די שאַצונג'ס-קאָמיסיעס װעלען היי-יאָהר האָבּען אויסצושטעהן א שװערען קאַמף. װייל נישט קוקענדיג אויף דער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע פון די סוחרים הערשט אָ טענדענץ אַרויפצולייגען אָ בּעדייטענד גרעסערן שטייער װי אין פאָריגען יאָהר.

גאַנץ בּעזונדערס װעלען דאָס דערפיהלען די סוחרים, װאָס פיהרען נישט קיין האַנדעלס-בּיכער און די סוחרים פון דריטע און פירטע האַנדעלס קאַטעגאָריעס. דער איינקונפט שטייער װעט אַרויסקומען צוליבּ דעם, װאָס מען שאַצט דעם אומזאַץ פילפאַך, גרעסער װי ער איז געװען אין דער װירקליכקייט.

די אוזשענדען האָבּען יעצט, װי מ'זעהט, די אויפגאַבּע צו שאַצען דעם איינקונפט פיעל גרעסער װי דאָס איז געװען פאַר אָ יאָהר.

עס װעט זיין זעהר שװער צו פערטיידיגען די סוחרים, װאָס פירען נישט קיין האַנדעלס-בּיכער, װייל ליידער האָבּען די דאָזיגע נישט קיין געהעריגע פּאַקטישע דאָקומענטען אויף צו קאָנען בּעװייזען דאָס זייער אומזאַץ און איינקונפט איז געװען קלענער װי מען װיל שאַצען.

פונדעסטװעגען דאַרפען די מיטגלידער פון די שאַצונג'ס-קאָמיסיעס נישט אויפגעבּען זייער פערטיידיגונג'ס-אַרבּייט פאַר די שטייער צאָהלער.

די קאָמיסיע-מיטגלידער קאָנען פער-

———

# טאג-בּוך

## פון א ראדאמער זעלבּסטמערדער

װען מיין געװעזענער בּוכהאַלטער ראָזענשטיין האָט מיט מיר געמאַכט צום ערשטען מאָל דעם װיזיט אין אָ װאַרשאַװער קאַבּאַרעט און דערנאָך דעם שפּאַציר הינטער װאַרשאַ צו יענער געהיימניספולע װיליע — נאָך די דאָזיגע צװיי שפּעטע נאַכט װיזיטען האָבּען זיך מיר ערשט דערכט אויפגעעפנט די אויגען און כ'האָבּ זיך אָנגעהויבּן ארומזען, װאו איך געפין מיך אויף דער װעלט.

אין יענער נאַכט איז מיין פרוי אַהיימגעקומען פון איהר נאַכט-הוליאַנקע אין דער געהיימער װיליע נישט פריהער װי 5 פאַרמאָג. איך האָבּ דאַן אָ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט פערמאַכט. כ'בּין די גאַנצע צייט געשטאַנען בּיי מיין פראָנט-פענסטער און ארויסגעקוקט אויף דער גאַס אויף די דורכפאָהרענדע אויטאָס און דראָזשקעס, מיינענדיג, אז אָט קומט זי. מיך האָט קיין שלאָף נישט גענומען און איך האָבּ אינגאַנצען געפיבּערט פון דענערװירונג און אויפרעגונג. ערשט אַרום פינף פאַרטאָג'ס איז פאַר מיין הויז בּוגעפאָהרען א פערמאַכטער אויטאָ, פון װאַנען ס'איז ארויס מיין פרוי געפיהרט אונטער'ן אָרעם פון מיין בּוכהאַלטער און קאַסירער יאָקוב װאַסערשטיין. איך בּין שנעל אריין אין קאָרידאָר, פערשלאָסען די טהיר און גלייך מאָמענטאַל פערשװינדען אין מיין פיהערדיגען צימער און ציגעלאָפען צוריק צום פענסטער, װאו איך האָבּ נאָך אַלץ געזעהן װאַרטען פון אונטען דעם אויטאָ, פון װאַנען ס'האָט ארויסגעקוקט אָ פרויען-קאָפּ.

דאָרט הינטער דער טהיר האָט מען דערװייל געפּרוּבט איפּשליסען מיט א „זאַטשאַפּק" און װען דאָס האָט נישט געהאָלפען האָט מען קיין אַנדערע בּרירה נישט געהאַט און מ'האָט אָנגעהויבּען רייסען מיט'ן גלאָק. אין שטוב איז געװאָרען אָ טומעל, מיין יונגסטע טאָכטער און די דיענסט האָבּען זיך אויפגעכאַפּט אין מיטען שלאָף. זיי זענען אריין אין קאָרידאָר און דערשראָקענע געפרעגט:

— װער איז דאָרט? װער קלינגט אזוי שפּעט בּיינאַכט?—

און װען זיי האָבּען געהערט אָ ענטפער:

— איך די פּאַני מ. — האָט מען דאָרט געעפענט די טהיר און איך האָב געהערט װי װאַסערשטיין ענטשולדיגט זיך פאַר מיין טאָכטער און ערקלערט איהר, אז איהר מוטער איז געװען אויף אָ בּאַל, װאו ער איז אויך געװען פערבּעטען און צוליבּ די שפּעטע שעה האָט האָט ער איהר, ס'הייסט די שפּעטוע בּעגלייט אָ היים. גלייך דערנאָך האָט ער זיך געזעגענט און איז אװעק.

איך האָבּ זיך גאָרנישט געמאַכט װיסענדיג. מיט אומענשליכע כחות האָבּ איך זיך בּעהערשט כדי נישט אַרויס מיט א סקאַנדאַל. כ'האָבּ אינגאַנצען געציטערט פון כעס און צאָרן און האָבּ נאָר אויסגעקוקט דעם מאָמענט, אז מיין פרוי זאָל דאָ אַריינקומען צו מיר אין קאַבּינעט. זי האָט אָבּער דאָס נישט געטהון, נאָר איז אַריין אין עס-צימער און ערשט בּעפויהלען דער דיענסט צו מאַכען איצט פאַר איהר טהיי.

איך בּין אװעק פון פענסטער ערשט דאַן, װען איך האָבּ געזעהן װאַסערשטיין איינשטייגען אין אויטאָ און אָװעקגעפאָהרען. איך בּין שוין נישט אַריין אין שלאָף-צימער, נאָר געלעגט זיך שלאָפען אין קאַבּינעט אויף דער סאָפקע.

# דער הײ־יעהריגער ראש־השנה אין ראדאם.

די געדריקטע שטימונג, וואס די ראדאמער יודישע בעפעלקערונג לעבט איצט איבער אין צוזאמענהאנג מיט'ן שווערען קריזיס האט זיך בעזונדערס שטארק געלאזט פיהלען אין די צוויי ראש-השנה טעג. טויזענטער יודען האבען געשטראמט אין די שוהלען, בתי-מדרשים, מנינים און שטיבלעך, כדי אויסצוגיסען דאס ביטערע הארץ און געבעט און געוויין. די בתי-תפילה האבען נישט געקאנט ארייננעמען דעם אהן עין-הרע גרויסען עולם און פיעל יודען איז אויסגעקומען צו שטעהן אויפ'ן גאס, אדער הארט ביים איינגאנג, וואס איז צוליב'ן שלעכטען רעגענריגען וועטער געווען שווער איבערצוטראגען.

אין דער שטאדטישער שוהל איז דעם ערשטען טאג יום-טוב געקומען צו א אינצידענט און שארפע חלוקי-דעות צווישען די מתפללים. ארויסקומען איז דאס, וואס דער כאר האט פערשטרייקט און זיך אבגעזאגט אונטערצוהאלטען דעם חזן. דער כאר, וועלכער מאהנט זיך שכירות ביי דער גמינע, האט דאס איצטיגע מאהל געמיינט צוגעווינען א גינסטיגען מאמענט אויף נאכצוגעבען זיינע פאדערונגען. ער האט נעמליך פערלאנגט, אז די גבאים פון שוהל זאלען מבטיח זיין, מיט זייער עהרליך ווארט, אז באלד נאך יום-טוב וועט מען זיי בעצאהלען.

היות די גבאים האבען זיך ענטזאגט צוגעבען זייער עהרען-ווארט האט דער כאר ערקלערט „כיבא ניע פאיאדען“ און ארעסטירט דעם „נתנה תוקף“ מיט'ן „ועל המדינות בו יאמר“ און צוריק-פערבונדען די „כלי“.

אין שוהל איז דאן ענטשטאנען א טומעל. די מתפללים האבען זיך צעטיילט אויף צוויי לאגערן: איינער—דאס זענען געווען די אנהענגער פון די גבאים — האט גע'טענה'ט, אז דער חזן זאל דאווענען אהן כאר און דער צווייטער צד, אגב דער רוב, האט דורכאויס פערלאנגט, אז דער כאר זאל זינגען. מ'האט זיך אזוי אוועקגעדינגען א לענגערע צייט און דער סוף איז געווען אז דער חזן יאפע האט געדאווענט אהן כאר. דער כאר און די גבאים זענען געווען פערעקשנ'ט און איינער האט דעם צווייטען נישט געוואלט נאכגעבען.

א טהייל מתפללים וואס האבען געוואלט הערן א ביסל ימים-נוראים דיגע נגינה זענען פון דער שוהל אוועק אין בית מדרש אריין.

מען מוז דא אויפמערקזאם מאכען אויף די נישט געהעריגע האנדלונג מצד די גבאים, ווייל מקדמונים איז איינגעפיהרט אין אלע שטערט און שטעדטלעך אז אין די ימים-נוראים דאווענט דער חזן מיט א כאר. מיט יאהרען צוריק פלעגען חזנים אראבברענגען עקסטרא בעריהמטע משוררים פון דער פרעמד און קהל פלעגט זיי מיוחד בעצאהלען. אויסער דעם האט זיך דער חזן יאפע דערמיט געפיהלט זעהר געטראפען, וואס ער האט געמוזט אין ראש-השנה דאווענען איינער אליין. דאס איז געווען פאר איהם א פחיתת הכבוד און אויך נישט קיין גרויסער כבוד פאר'ן צבור גופא פון שוהל.

אין בית-המדרש דאגעגען האבען די גבאים שוין בעסער זיך אריענטירט. אויך דארט איז פארגעשטאנען א שטרייק מצד דעם כאר, אויך צוליב די זעלבע געלד-מאטיווען, אבער די גבאים האבען ערב יום טוב דעם סכסוך אויסגעגלייכט.

א צווייטע זאך. אז אויך די גבאים פון בית מדרש האבען זיך אויף אנ'אנדער געביעט נישט געניג אריענטירט. שבת דעם ערשטען טאג ראש השנה איז געווען א כמורנע טאג און ס'איז נישט געווען אויפן ארט, וואו די גבאים האבען ארויסגעוויזען אין דעם פאל א ביסעל צו-פיעל שפארזאמקייט מיט דער עלעקטריע. אין ווייבערישען ב"מ, וואו די זון קומט בכלל ווייניג צו איז געווען צוליבן רעגען ממש פינסטער. אויך אין מענערישען ב"מ וואלט עלעקטריע אויך צונוץ געקומען. דער טעם פון מוקצה קאן דא ווייניג פערענטפערען. די עלעקטרישע ליכט איז געווען לצרכי הצבור, איבריגענס האט מען עס געקאנט ערב-שבת בעזארגען אזוי, אז דער סטרוזש זאל זיך אליין משער זיין, וואס ער האט צוטוהן אום שבת. מ'האט נאר געברויכט געדענקען, אז די עלעקטריע זאל ברענען שבת, אזוי גוט ווי דאס איז געווען זונטאג דעם צווייטען טאג יום-טוב. אין שוהל האט מען גראד וועגען דעם שוין יא געדענקט און די עלעקטריע האט געלויכטען שבת און זונטאג די גאנצע צייט ביים דאווענען.

סיי ווי סיי דעם ערשטען טאג ראש-השנה האט די רעגענדיגע, טריבע שטימונג אביסעל קאליע געמאכט און די גבאים-אפאראטען האבען עפעס נישט געקלאפט. פאר דאס זונטאג דעם צווייטען טאג, האט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט און צוזאמען מיט איהם האט זיך אויך איינגעשטעלט א בעסערע ארדנונג אין ביידע בתי-תפלות. אין שוהל האט שוין געזונגען דער כאר און


KINO MIRAŻ KINO

פון 17 ווזשעשיעז ה. י.

וועט דעמאנסטרירט ווערען

דאס בעריהמטע ווערק פוז גהעטא לעבען

כל=נדרי

גרויסע טראגעדיע, גרויסער דראמאט פון טרערען

און חיי־הטאג.

ערשטרייהערדיגע בעארבייטונג, הערליכער אינהאלט.

אין די הויפט-ראל פון בערימטען טראגיק

רודאלף שילדקרויט

איבער'ן פראגראם: דער שונא פוז פרויעז

מיט'ן אנטהייל פון האראלד לאיד.


ביכער.

איך האב גע'טענה'ט אהער, איך האב גע'טענה'ט אהין. געגעבען צו פערשטעהן, אז איך פיהר נישט קיין צווייערליי ביכער, און אז איך ווייס פון גארנישט. אבער מיינע ארג'מענטען האבען קנאפ-וואס געווירקט. אפילו דאס, וואס איך האב אנגערופען דעם נאמען וואסערשטיין, אז דאס האט ער מיך גע'מסר'ט, חייל איך האב איהם בעזייטיגט פון פאסטען. ערשט ווען איך האב אויפגעוויזען מיט עדות דורך מיינע איבריגע אנגעשטעלטע, אז וואסערשטיין האט מיך בעגנב'ט און מיך רואינירט, איז מיר געלונגען די קאנטראלערען צו איבערצייגען אין די ריכטיגקייט פון מיינע ווערטער, אז דאס איז א נקמת-אקט און, אז קיין גנב קאן מען נישט גלויבען.

אבער דערמיט האט זיך וואסערשטיין נישט בעגנוגענט. ער האט זיך דערגאנגען געווענדעט אין דער פאליציי, אז איך בין א באלשעוויק און פיהר דאס געשעפט נאר אויף פוץ און, אז אין דער אמת'ען שטעה איך אין געהיימע בעציהונגען מיט סאוויעט-רוסלאנד פון וואנען איך בין ערשט נישט לאנג געקומען. אבער ווען דאס האט אם אויך נישט געהאלפען, האט ער זיך אנדערש מיישב געווען. ער האט וואס אמאהל אלץ טיעפער ארייגעצויגען אין זיין נעץ מיין פרוי, און פון איהר געצויגען אהן א שיער געלד אזוי ווייט, אז ער האט איהר דערפיהרט צו די נידריגסטע שטופע פון אויסגעלאסענקייט און מיך האט ער פולשטענדיג פינאנסיעל אינטערגעגראבען.

איך האב געהיטען מיין פרוי. נאכשפיאנירט איהר יעדען טריט. אבער ס'האט גארנישט געהאלפען. זי האט געהאט אין זיך טייחלאניש, אומרוהיג בלוט, וואס האט אין איהר געשטורעמט ווי א וואולקאן, אז איך בין נישט בכח געווען איהר זיך אקעגענצושטעלען.

(פארטזעצונג קומט)

ס'איז אַוועק אַ דאַוונען כמו שכתיב חזן יאָפּע האָט געדאַווענט גרויסאַרטיג און זיך הערליך אויסגעצייכנט. דער כאָר האָט אָבגעגעבן דעם חוב פאַר'ן ערשטען טאָג. האָט מען טאַקע אָבגעדאַווענט אַ ביסעל שפּעטער, אָבער ס'איז כדאי געווען.

אין בית-מדרש האָט אין צווייטען טאָג געברענט די עלעקטריע. די שמי-מונג איז טאַקע געווען אַ בעסערע, אַ יום-טוב'דיגע און דאָס האָט טאַקע אויך געווירקט אויף דער מוזיקאַלישע מוזע פון בית-מדרש חזן ישראל קופּער, וועלכער האָט דעם טאָג נאָך שענער און האַרציגער מיט פיעל סאָלקסטימליכען חן געדאַווענט און פערשאַפט דעם עולם אַ תענוג רוחני.

ווייזט אויס, אַז די גבאים פון שוהל און בית-מדרש האָבען געהאַלטען, אַז דער ערשטער טאָג ראש-השנה האָט גע-הערט צום אַלטען יאָהר און דער צווייטער טאָג צום נייעם יאָהר.

מילא זאָל זיין אַזוי, אַבי צום גוטען.

■■■■■


## זי האט זיך ניט געקענט פוז שמערצען בכלל רירען,

### איצטער איז זי פטור איגגאנצען פון רעוומאַטיזם!

וואָס פאַרא שרעקליכער געפיל ניט קענען אליין אויפשטיין פון בעט! אזוי שטייף זענען די פיס און די הענד—ניט פעיק צו דער ארבעט—דאָס איז אַ קרבן פון רעוומאַטיזם. אבער היינט איז זי ווייטער פריש און באַוועגליך ווי פריער און פילט ניט קיין שום ווייטאָקן. פרוי וו. סאיק, גרודזיאָנדז שעווסקא 16/1 שרייבט אונז: שוין אַ לענגערע צייט האָב איך געליטען אויף רעוומאַטיזם אין די הענט און פיס. די ווייטאָקן האָבען מיר אזוי דערקוטשעט, אַז איך האָב אָפט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען. מיינע הענט און פיס זענען מיט דער צייט אַזוי שטייף געוואָרען אַז איך האָב כמעט מיך נישט געקענט דיהרען. איך קאָן פשוט נישט בעשרייבען ווי איך האָב דורך די צייט געליטען. דורך 7 חדשים האָב איך פּרובירט פאַרשידענאַרטיקסטע מיטלען וועלענדיק זיך בעפרייען פון די שרעקליכע ווייטאָקן. אָבער עס איז מיר באמת ערשט דאַן בעסער געוואָרען, ווען איך האָב אָנגעהויבן נעמען טאָגאַל. שוין אין אַ וואָך ארום זענען די ווייטאָקן געוואָרן קלענער און איך האָב געקאָנט רוהיג שלאָפען. זעענדיג אזעלכע גוטע רעזולטאַטען האָב איך ווייטער גענומען טאָגאַל, שטרענג לויט פאָרשריפטען. מיט דער צייט האָב איך ווי־ראַזשנע געפיהלט ווי מיינע הענד און פיס ווערן וואָס ווייטער באַוועגליכער. איצטער בין איך שוין אינגאַנצען פטור פון דער אונאַנגענעמער קרענק אזוי אַז היייאָהר האָב איך אַ דאַנק טאָגאַל גע-קאָנט פערציכטען אויף אַ רייזע און אַ קוראָרט. טאָגאַל איז באמת אַ ראַדיקאַל מיטעל! וועגן דעם קענען זאָגן עדות טויזענדער מענשען וואָס האָבען גענומען טאָגאַל ביי רעוומאַטיזם, פאָדאַגרע, רייסן און ברעכען אין די ביינער, נערווען- און קאָפּ-ווייטאָג, גריפּע, פאַרקילונגען און אַנדערע ענליכע קראַנקהייטען. אונשעדליך פאַר'ן מאָגען, האַרץ און אַנדערע אָרגאַנען. טאָגאַל שטילט נישט נאָר די ווייטאָקן, אָבער דערשטיקט אויך אין קערן די אַלע חולאת'ן! דע-ריבער האָט מען אפילו ביי כראָנישע פאַלען דערגרייכט מיט טאָגאַל איבער-ראַשענדע רעזולטאַטען. און ווען נאָך טויזענטער דאָקטוירים פערשרייבן טאָגאַל קאָנדאָך יעדער מיט צוטרוי דעם מיטל קויפען. פּראָבירט נאָך היינט פּאָדערט אָבער ווירראַזשנע נור טאָגאַל! אין אַלע אַפּטייקן.



## א געוויינליך מיטעל געגעז רויטע הענד.

די אַרבייטסזאַמסטע ווירטענס ליידען אָפט פון רויטע און צושפּאָלטענע הענד פאַר וואָס אייגענטליך? יעדער מאַנספּערזאָהן וויל ליעבערש קוקען אויף ווייסע און געפּפלעגטע הענד. עס ווערט דעריבער עמפּפעלט, איינצורייבען די הענד נאָכן אָבוואַשען מיט עטליכע טראָפּען ציטרין-סאָק און אויף ביינאַכט מיט לאַנעלין, אָדער גליצערין און ווען עס איז נויטיג אנצוטוען אויף ביינאַכט די הענדשקעס. אזא פפלעגונג קאָסט קוים עטליכע גד. די הויפּט זאַך איז צו בענוצען נור ריינעם זייף ווי צום ביישפּיל דעם אַראָמאַטישען זייף „קאָלאָגנאַי" די שוץ-מאַרקע איז אַ וועש בוידעל, וואָס ענטהאַלט גליצערין און איז זעהר מילד.



## בעקאַנטמאַכונג.

דער ראַדאָמער סוחרים - פעראיין מאַכט בעקאַנט, אַז נעמענדיג אין בעטראַכט די גרויסע קרעדיט מאַנגעל, וועלכע הערשט אין לאַנד בכלל און אין די יודישע האַנדעלס-ספערען בפרט, האָבען מיר געהאַלטען פאַר אַ חוב און אַ בעפעהל פון דער שעה צו גרינדען אַ קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער זאָל האָבען די אויפגאַבע דעם גרויסען קרעדיט-נויט צו פערקלענערען.

צוליב דעם האָבען מיר אין אונזער לאָקאַל געגרינדעט איין קאָאָפּעראַטיווע-קרעדיט-אינסטיטוציע, אונטער דעם נאָמען:

Kasa Kredytowa KUPCÓW i PRZEMYSŁOWCÓW

Spółdz. z ogr. odpow.

w Radomiu, ul. Żeromskiego 18

און מיר ווענדען זיך צו די יודישע האַנדעלס-ספערען מיט דער בקשה אונטערשטיצט אייער קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוו מיט די באַנק אָפּעראַציעס, וואָס איהר האָט, און אויב איהר וועט דאָס האַלטען פאַר אייער חוב. וועט די אינסטיטוציע, וועלכע איז אייפגעשטאַנען אין דעם שווערען און קאַטאַסטראָפאַלען עקאָנאָמישען מאָמענט אויפוואַקסען צו איין גרויסע און מעכטיגע קרעדיט-אינסטיטוציע.

מיט דרך ארץ

סוחרים-פעראיין אין ראַדאָם.



## GAZOWNIA

## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

קעכלער גאַזאָווע איינס און צוויי פלאַמיגע

קעכלעך פאַמילינע און האָטעלאָווע

אייוועלעך צום באָדען

אייוועלעך צום בראַטען

אייזענס צום פרעסען פאַר פריוואַט און פאַר שניידער

הייצערס צו פריזירער רעדלעך

„טערמאַ" אַטאָמאַטישע אויף צו דערוואַרמען וואַסער פאַר דאָקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און ענליכע פראָפעסיעס.

אַלערליי גאַז-אַפּאַראַטען ווערען פערקויפט

——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאַזאָווניע פיהרט אויס שטוב-אינסטאַלאַציעס

אויף אויסצוצאָהלען אין 12 ראַטעס.

די גאַז-אַפּאַראַטען קען מען בעקוקען אין די טקלאַדעס פון די גאַזאָווניע אויף מלאָדזשאַנאָוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אַלע אינפאָרמאַציעס ערטיילט די ביוראָ פון די גאַזאָווניע טעל. 134



— די — שענסטע טאַפּעטען צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע

ש. שטיינמאַן

ראַדאָם, לובלינער 21.



7mio KLASISTA udzie'a lekcyj w zakresie — — 5-ciu klas gimn. ——

Wiadomość: Traugutta 50 (13) m. 15.

# קעלצער אבטיילונג.

# דאס יודישע קעלץ אין ה'תרצ'א.

## (א איבערבליק)

### פון ל. ראָדאַל.

(המשך)

### דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען.

אויפ'ן געביט פון געזעלשאַפטליכען לעבען, איז גראַד דאָס פערגאַנגענע יאָהר געװען רייך, אָבער נישט אין איכות נאָר אין כמות. א אַקטיװיטעט האָט געהערשט, אָבער קיין פּאָזיטיװעס האָבען מיר, ליידער, גאָרנישט ערר[e]ייכט.

דאָס פערגאַנגענע יאָהר האָט זיך אָנגעהױבען מיט דעם פּאַרװאַהל-סעזאָן צום סיים אין סענאַט. פערשידענע אומשטענדען האָבען גורם געװען, אַז עס זאָל נישט צושטאַנד קומען א איינהייטליכער יודישער בלאָק צו די דאָזיגע פּאַרלאַמענט-װאַהלען. צװישען די יודישע פּאַרטייען איז װידער אויסגעבראָכען אַ שאַרפער װאַהל-קאַמף, אָבער ביים איצטיגען מאָהל זענען מיר, איבערהױפּט אויף דער פּראָװינץ, געװען עדות פון זעהר „שעהנע" מעשים מצד דער „אגודה", װאָס האָט אין דעם קאַמף זיך גישט אָבגעשטעלט פון אַלערליי מיטלען. אַלס דאַנק פאַר אַזאַ „שטיקעל אַרבייט" איז די „אַגודה" אין דעם יאָהר בעלױנט געװאָרען מיט אַ היבשע מטבע: די קהלות זענען פונאַנדערגעלאָזט געװאָרען און עס זענען בעשטימט געװאָרען נייע װאַהלען... מיט א „פּאַראַגראַף 20."

אַזוי אַרום האָבען אויך די קעלצער קהלה-אָרגאַנען געענדיגט זייער זיבען-יעהריגער טעטיגקייט און אָבגעטרעטען דאָס אָרט פאַר די ניי אויסגעװעהלטע דאַזאָרעס און פּרנסים.

װעגען דער טעטיגקייט פון דער אָבטרעטענדער קהלה קאָן מען זאָגען, אַז זי איז געװען, הגם נישט איבריג רייך מיט פערדינסטען, אָבער דאָך אַ אַרבייטזאַמע און נוצליכע. עס איז געבראַכט געװאָרען אַ אָרדנונג אויף אַלע געביטען: די שחיטה: מקוה, בית-החיים א. א. זענען פערבליבען אונטער דער אויפזיכט פון דער קהלה פערװאַלטונג און װערען געפיהרט אויף אַ פיעל בעסערען אופן װי פריהער.

אין דער ניי-געװעהלטער קהלה זענען אַריין נייע מענשען, װאָס זענען ביז איצט װייניג בעקאַנט אַלס געזעלשאַפטליכע-טהוער און דעריבער איז שװער צו זעהען די פּערספּעקטיװען פון איהר טעטיגקייט און אַרבייט'ס-פעהיגקייט.

דער קהלה-פערמעגען איז אויך בעריכערט געװאָרען מיט צװיי נוצליכע אינסטיטוציעס: דער בית-יתומים און מושב זקנים װאָס געפינען זיך אין די געשענקטע פּרעכטיגע בנינים פון די פאַמיליעס זאַגייסקי, די הערליכע מאָדערנע איינריכטונגען און די זאָרגפעליגע טעטיגקייט, אין די דאָזיגע אינסטיטוציעס, מאַכען דעם בעסטען איינדרוק.

ס'איז אויך װערט צו דערמאָנען דעם שוהל-רעמאָנט און די גראַנדיעזע פייערליכקייטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערענדיגונג פון רעמאָנט. דער דאָזיגער פייערליכער, פאַלקסטימליכער יום-טוב װעט לאַנג בלייבען אין זכרון פון איהרע אנטיילנעמער.

מיר האָבען אויך געהאַט נחת פון דעם בעליבטען יודישען קולטור-אנשטאַלט אין קעלץ, די מענער גימנאַזיע, װאָס האָט היי-יאָהר אונז מזכה געװען מיט א הונדערט-פּראָצענטיגע מאַטורא. בכלל שטעהט דאָס נאַציאָנאַלע שול-װעזען אין אונזער שטאָדט אויף אַ געהעריגער פּעדאַגאָגישער הויך.

אויך דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבען האָט זיך בעדייטענד ענטװיקעלט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעװיזען פיעל לעבען, עס איז פאָרגעקומען אַ פייערליכער חנוכת-הבית פון איהר נייעם לאָקאַל. די דורכ'געפיהרטע קרן-היסוד אַקציע, האָט, טראָץ דעם שװערען קריזיס, געגעבען א גוטען רעזולטאַט. קיעלץ איז געבליבען טריי איהר טראַדיציע און געשיצט די ציוניסטישע פאָנדען מיט אַ ברייטער האַנד. די הכנסות פון קרן-קימת האָבען זיך אין די לעצטע חדשים פון יאָהר בעדייטענד פערגרעסערט. דער שקל איז פערשפּרייט געװאָרען אין אַ זעהר גרױסער צאָהל און די קאָנגרעס-װאַהלען זענען געװען זעהר שטורמיש צוליב דער אַקטיװיטעט פון יעדער ריכטונג.

דאָס פערשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלען לעבען אין אינזער שטאָדט האָבען מיר אין אַ גרױסער מאָס צו פערדאַנקען דעם רעװיזיאָניזם, װאָס איז אַריינגעדרינגען אין די הערצער פון דער יודישער יוגענד. די רעװיזיאָניסטישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס „מסדה" און בית"ר האָבען צוגעצױגען פיעל מיטגלידער.

אין א נישט גלענצענדע לאַגע געפינט זיך דער האַנדװערקער-פעראיין, װאָס צעהלט 1500 מיטגלידער, ד"ה א דריטעל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין קעלץ. נאָך אין אָנהויב יאָהר האָבען זיך אינערהאַלב דעם פעראיין אָנגעהױבען פערשידענע פערזענליכע רייבונגען, װאָס האָבען גורם געװען, אַז דער פעראיין זאָל געשבאָלטען װערען. עס איז באמת א שאָד, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע זאָל, צוליב קליינליכע סכסוכים, געהן לאיבוד. װיפיעל ענערגיע, װילען און אַרבייט ליגט אין דעם פעראיין? די מעהר בעװאוסטזיניגע און עהרליכע האַנדװערקער ברויכען אָנװענדען אַלע מיטלען און צוריק דערהױבען דעם אַמאָליגען פּרעסטיזש פון פעראיין.

די פינאַנטיעלע לאַגע פון אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס איז זעהר א טרויעריגע. גענוג צו ד'ערמאָנען דעם הילפ'ס-רוף פון „בית-יתומים" נאָך שטיצע. עס איז באמת צו בעדויערען, אַז די יודישע בעפעלקערונג װייסט נישט װי אָבצושאַצען אַזאַ װיכטיגע און הומאַניטאַרע, מוסטערהאַפטע יודישע אינסטיטוציע, װי עס איז דער „בית-יתומים".

אין פערגאַנגענעם יאָהר האָט אויך דאָס יודישע קעלץ געליטען אייניגע אבידות: ענדע תר"ץ איז נאָך א לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבען איינער פון די אָנגעזעהענסטע און חשוב'סטע בעלי-בתים. ר' יעקב זאַנייסקי, יוסף גאָלדשיידער, א בעקאַנטער און פערדינסטפולער געזעלשאַפטליכער עסקן, פּרעזעס פון האַנדװערקער פעראיין און ראַטמאַן; אָנגעזעהענע בעלי-בתים פון עלטערען יודישען דור, די פּיאָנערען פון יודישען ישוב אין קעלץ: אשר פרישמאַן, שלמה רייזמאַן, ר' ישראל'קע אָפּאַטאָװסקי א. א.

אָט דאָס איז, אין קורצע שטריכען, דער סך-הכל פון א יאָהר לעבען אין אונזער שטאָדט.

געװען אַ שװער יאָהר. מיר זענען צוזאַמענגעבראָכען פון דעם שװערען לאַסט, װאָס דאָס יאָהר האָט אונז איבערגעלאָזט. הלואי זאָל דאָס איצטיגע יאָהר זיין גליקליכער אין אַלע הינזיכטען.

## א נישט ערװאַרטעטע הילף אין די װירטשאַפט.

שװערע אויפגאַבען האט אין די היינטיגע שװערע צייט יעדער װירטען. אויף אויסצוגלייכען אלע אויסגאַבען פון די װירטשאפט ביי דעם אַלעמאָל שמעלען דעם הויזבודזשעט צוליעב דעם איז א אמתע פרייד פאר אַ זאָרגפעלטיקע װירטען — די ידיעה אַז דער נויטיגער אין די װירטשאַפט זייף יעלען שיכט, אין צוליב די רעדוקציע פון די פאַבריקס פרייזן איך אין דעטייל פערקויף בעדייטענד ביליגער געװאָרען.

KONCESJONOWANE

**BIURO WINDYKACYJNE**

KIELCE, Starowarszawska 7.

ערלעדיגט שנעל און פּינקטליך:

איינקאַסירונג פון פּראָטעסטען, קלאָזולעס, געריכט'ס-װיראָקען, זאַבעזפּיעטשעניעס א. ד. ג.

ערשטקלאַסיגע ביוראָ-קרעפטען. ——— מינימאַלע פּראָװיזיע.

# Bata
# א נײ יאָהר — נײַע שיך



14.90

מאָדעל 6622·22

האַלבע שיך פאַר יוגענדליכע עלעגאַנטען. מיט דעם שניט זענען זיי ענליך צו הערן־האַלב־שיך. שוואַרץ אָדער העל־ברוין.



29.90

מאָדעל 9605=22

שיינער באָקס־שיכעל (טשולענקאַ) קאָליר אַלמאַראָ מיט אַ שיינעם געשמאַק פערפעקטירט בעפוצונג קוקט עס אָן אין אונזער שויפענסטער



34·90

מאָדעל 9577·22

הויכע געשנירטע שיך פון שוואַרצען באָקס קאַלף, אויף אַ שטאַרקע לעדערנע זויל. עלעגאַנטער און בעקוועמער האַלב־שפּיציגער פאַסאָן.

---

# אכטונג עלטערן!

עס קומט יעצט א נײַ שול־יאָר און דאַריבער שטעלט זיך מן הסתם בײַ אייך די פראַגע וואָס צו טון מיט אייער זון, בכדי ער זאָל אויסוואַקסן אויף אַ קולטורעלן בירגער און באַוווסטזיניגען יוד. וואָס טוט מען? ווו שיקט מען איהם? געדענקט אַלזאָ, אַז

**די „שול־קולט" שולע** מיט רעגירונגס־רעכט איז די איינציקע נאַציאָנאַל־וועלטליכע יוד. שולע אין ראַדאָם.

**די „שול־קולט" שולע** קומט נישט יעצט מיט נײַע הבטחות, ווי אַנדערע, נאָר קומט שוין מיט מעשים! ס'איז אַדורך אַ יאָר פון אַרבעט, וועלכע האָט גלענצענדע רעזולטאַטן געבראַכט. די לעצטע קלאַסיפיקאַציע־עקזאַמענס האָבן אימפּאָזאַנט באַוויזן איהר הויכע פּעדאַגאָגישע מדרגה פון דער לערע און דערציונג.

**די „שול־קולט" שולע** נעמט זייער ערנסט און געוויסענהאַפט אירע דערציונגס־אויפגאַבן, באַמיענדיג זיך, אַז דער יידישער פאָטער זאָל אין די הײַנטיקע שווערע צײַטן כאָטש האָבן דעם פאַרגעניגן פון דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון זײַן קינד.

**די „שול־קולט" שולע** גיט אירע שילער א נאַציאָנאַל־וועלטליכע דערציונג אין פולסטן און ברייטסטן זין פון וואָרט. צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע למודים וואָס זייער פּראָגראַם אַנטשפּרעכט 4 קלאַסן גימנאַזיע ווערן אין דער ברייטסטער מאָס געלערנט די יודאַאיסטישע למודים, ווי העברעאיש, יידיש, תנ״ך, תלמוד, יוד. געשיכטע א.א.

**עלטערן!** אויב ס'איז אייך טייער דער גורל פון אייערע קינדער שרייבט זיי איין מיטן פולסטן צוטרוי אין דער „שול־קולט" שול.

מיט אכטונג

**עלטערן־קאָמיטעט**

בײַ דער **„שול־קולט שול"**

__בעמערקונג:__ אײַנשרײַבונגען פון געוועזענע און נײַע שילער קומען פאָר פון 26־טן שערפּיען אין דער שול־קאַנצעלאַריע (וויטאָלדאַ 7) פון 11 ביז 1 נ. מ.

# אתרוגים ביליג בײַם סופר

## מטנדי׳ל שײַנבוים פּאַדוואַלנע 5 אין געוועלב

# 40% ביליגער!

די נײַעסטע פאַסאָנען — **מעבעל** פון פאָלגענדע מאַטעריאַלען:

וועגערסקע יעשאָן, זלאָטאַ בושאָזע, פּיראַמידען, זשעברא, מאַכאָן און יעשאָן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאָס אלעס ווערט אויסגעפערטיגט בײַ דער פירמע **קליין, זשעראָמסקי 26**

---

# בעקאַנטמאַכונג.

פון דעם 1־טן סעפּטעמבער ד. י. איז בײַ דעם היגען סוחרים־פעראיין טעטיג א קרעדיט קאָאָפּעראַטיוו א. ג.

**Kasa Kredytowa** KUPCÓW i PRZEMYSŁOWCÓW

Spółdz. z ogr. odpow.

w Radomiu, ul. Żeromskiego 18

דער קרעדיט קאָאָפּעראַטיוו איז געשאַפען געוואָרען דורך סוחרים פאַר סוחרים, אינדוסטריעלער און הענדלער.

מיר בעטען דעריבער די אלע אינטערעסאַנטען, וועלכע האָבן וועלכע עס איז באַנק טראַנזאַקציעס זיך צו אונז צו ווענדען, איהר וועט אייך איבערצייגען, אז מיר ערלעדיגען פּינקטליך, שנעל און ביליג.

מיר ערטיילען אַלע אַרט קרעדיטען, נעמען אָן אינקאַסעס אויף ראַדאָם און אויף פערשידענע שטעדט. מיר נעמען צו שפּאַראײַנלאַגען (פקדונות) פון די קלענסטע סכומים אָב צו זעהר גינסטיגע בעדינגונגען.

מיט דרך ארץ

די פערוואַלטונג פון דער **קרעדיט־קאַסע פאַר סוחרים און אינדוסטריעלער**

קאָאָפּ. מיט בעגר. ה. — ראַדאָם, לובלינער 18

אהרן מערין, מענדעל האָראָוויץ, יעקב דאָברזינסקי.

# ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem mam zaszczyt zawiadomić Sz. Rodziców iż z dniem 1-go Września 1931 r. otwieram

KOEDUKACYJNY

# ZAKŁAD FREBLOWSKI
## i PRZEDSZKOLE

**dla dzieci w odpowiadającym wieku.**

Doskonałe urządzenia techniczne, wzorowa opieka i rutynowane siły pedagogiczne będą dla Sz. Rodziców dostateczną rękojmią sumiennego wykonywania powierzonych mi zadań wychowawczych. Obok języka polskiego, jako wykładowego, będzie również w odpowiadającej mierze wykładany język hebrajski (w czytaniu, śpiewie i piśmie)

Informacyj udziela się w Kancelarji Zakładu, począwszy od dnia 26-go Sierpnia b. r. w godz. 11 — 2 przy ul. **Żeromskiego 12** w podwórzu, ostatnia sień).

Z poważaniem

*R. LANDAU.*

---

פרייטאג צונאכט 9 אזייגער, איז געשטאָרבען אין עלטער פון 83 יאָהר איינער פון די עלטסטע פעלדשערס און שענסטע יודען פון ראַדאָם, דער **ה׳ אברהם נאַדעל.** ער האָט געשטיצט א סאך יודישע פעמיליעס הן אין מיטטיילען זיי אומזיסטע מעדיצינישע הילף, הן אין צדקה. דער פערשטאָרבענער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זעלטענע מידות, געבענדיג גרויסע גדבות, אויף פערשידענע פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע צוועקען. 2 טעג אין די וואָך האָט ער צוטיילט אומזיסטע מעדיצינישע הילף אָרימעלייט די ראַדאָמער תלמוד־תורה וועט גיט געדענקען די איינמאָליגע נדבה פון 500 רובעל מיט 20 יאָהר צוריק פון פערשטאָרבענעם ר׳ אברהם נאַדעל.

די לויה איז פאָרגעקומען זונטאָג 4 אַ זייגער דעם צווייטען טאָג ראש־השנה און איבער דריי טויזענד מאַן האָבען בעגלייט דעם פערשטאָרבענעם צו זײַן אייביגע רוה אין דאָס געווײן פון אָרעמעלייט, וועלכע האָבען געגאָסען פון זײַן שטיצע, האָבען געמאַכט אַנערשיטערענדען אייגדרוק. לאַנג, לאַנג וועט די יודישע בעפעלקערונג האָבען צו געדענקען אזא מענשען. כבוד זײַן אנדענקונג.

Redaktor CH, M. HERC

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20